ותן חלקינו בתורתך:

# ביהמ"ד באָלחוב־וויליאַמסבורג שליסט געניאַלע תורה־שותפות מיט כולל "מעגלי צבי" בארה"ק במסגרת "אַדאַפּט־אַ־כולל"

**בהשתתפות ובעידוד הגה"צ אבד"ק באָלחוב שליט"א | חשוב'ע גבאים אויפגענומען פון די פני הקהלה צו באַגלייטן דעם הייליגן שותפות־פּראָיעקט | געהויבענע שטימונג און שמחה דקדושה נעמט אַרום מתפללי ביהמ"ד באָלחוב נאָך הייליגער שותפות־שליסונג**

וויליאַמסבורג. - אַ שמחה דקדושה און חדותא דאורייתא נעמט אַרום מתפללי ביהמ"ד באָלחוב אין וויליאַמסבורג, נאכדעם וואָס אַ באדייטנדער ציבור מתפללים ובאי בית המדרש האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין אַ פאראייניגטן שותפות צו אַדאָפּטירן אַ כולל אין ארה"ק, כולל "מעגלי צבי", אין די ראמען פונעם בליציגן און וויטגרייכענדן קאָנצעפּט פון "אַדאַפּט־אַ־כולל", וואָס טוט מרומם זיין דעם כבוד התורה איבער דער וועלט אויף אַ שטוינענדן פאַרנעם, אַוועקשטעלנדיג קראַנטע פינאַנציעלע באַזעם פאַר די הייליגע כוללים ולומדי' מתוך הדחק.

די אָפיציעלע שותפות־שליסונג קומט פאר אין די יעצטיגע טעג אין באָלחובער בית המדרש אין וויליאַמסבורג, וואו דער חשוב'ער ציבור שרייבט אונטער מיט התרגשות זייער חלק השותפות אינעם כולל, און דערמיט ווערן די חברי הקהלה ומתפללים גלייכע שותפים מיט די געוואַלדיגע כח התורה בטהרה וואָס קומט אַרויס פון דעם הייליגן כולל על טהרת הקודש "מעגלי צבי" אין בית שמש, בהנהלת הרה"ג רבי חיים שמואל בלויא שליט"א ראש הכולל.

## "אַדאַפּט־אַ־כולל" — אין אַ וואָרט!

"אַדאַפּט־אַ־כולל" איז שוין היינט אַ נאמען וואָס איז באַקאַנט אין די גאנצע תורה-וועלט, דורכפירנדיג אַ היסטאָרישע דורכברוך מיט איר בליציגן רעיון וויאַזוי אויפצוהאלטן תורה בקדושה ובטהרה אין ארה"ק, דורכ'ן בויען אַ קשר'דיגן שותפות צווישן יהדות בגולה, די תומכים, און די לומדי הכוללים בארה"ק, די נתמכים, און איז מרומם כבודה של תורת ארה"ק בטהרה בכל העולם כולו.

"אַדאַפּט-אַ-כולל" איז כשמו כן מטרתו: אַדאָפּטירן אַ כולל, ד.ה. אַז אַ קהלה אדער אַ ביהמ"ד אין חוץ לארץ – בשותפות פון אלע בני הקהלה ומתפללים – נעמען אויף זיך אויסצוהאלטן אַ חלק פונעם בודזשעט פון אַ כולל אין ארץ ישראל, דורכ'ן שיקן חודש'ליכע שטיצע פאַר די לומדי הכולל און דורכדעם זוכה זיין צו אַ פּערזענליכער חלק אין די העכסטע מושגים פון לימוד התורה; תורת ארץ ישראל על טהרת הקודש ויגיעת התורה מתוך הדחק.

בסך הכל זענען שוין היינט אָנגעשלאסן אין דעם פּראָיעקט קרוב צו 300 קהלות/בתי מדרשים, פון אלע סארט שיכטן און קרייזן איבער דער גארער וועלט, והבערה ללהב יצאת, יעדע שטיק צייט הערט מען פון נאָך אַ שותפות-געשעפט און דער תורה'דיגער פלאם-פייער ווערט ב"ה מער און מער פארשפרייט בקרב בית ישראל, צווישן אלע שיכטן, בויענדיג אַ מעכטיגער מאניפעסטאציע פון הרמת כבוד התורה והתגברות כח הקדושה בפלטרין של מלך.

## פרישע רינגעלע: שותפות פון ביהמ"ד באָלחוב מיט כולל "מעגלי צבי"

אַצינד איז אַ פרישע רינגעלע צוגעקומען צום קייט פון די הונדערטער כוללים, וועלכע ווערן אויפגעהאלטן דורך שותפים אין חוץ לארץ, ווען דער חשוב'ע בית המדרש באָלחוב אין וויליאַמסבורג – בנשיאות הגה"צ האבד"ק שליט"א – האָט גענומען אויף זיך די הייליגע זכי' איינצוהאנדלען אַ שותפות אין אַ גאר בארימטן און טייערן כולל בארה"ק על טהרת הקודש, כולל "מעגלי צבי", וואָס איז געווען דער ערשטער כולל "על טהרת הקודש" אין שטאט בית שמש, ספּעציעל פאר'ן ערליכן ציבור משופרא דשופרא פון ארה"ק, וועלכע שטרעבן צו לערנען און עוסק זיין בתורה אויף אַ ריינעם אופן, אן קיין שום שייכות צו נישט-אויסגעהאלטענע מקורות.

"בית שמש" איז ווי באַקאַנט אַ רעלאטיוו-נייער ישוב, וואו דער חרדי'שער ציבור האָט זיך אָנגעהויבן צו באזעצן אין די לעצטערע יארן. דער ראש הכולל הרה"ג רבי חיים שמואל בלויא שליט"א איז געווען פון די ערשטע תושבים, אָנקומענדיג אהין ווען דאָס פלאַץ איז נאָך געווען אַ מדבר שממה ברוחניות ובגשמיות, און ער האָט זיך גלייך אַריינגעוואָרפן אין דער עבודת הקודש אויפצושטעלן אַ רוחניות'דיגן מקום תורה פאַר די משפחות פון די "קהילת הפרושים".

הרב בלויא האָט גערופן דעם כולל אויפ'ן נאָמען פון זיין שווער הגה"צ רבי מתתי' הלוי סג"ל זצ"ל, וועלכער איז געווען באַוואוסט אין ירושלים עיה"ק אַלס אַ גרויסער תלמיד חכם און מרביץ תורה לרבים, דינענדיג אַלס מגיד שיעור אין עטליכע חשוב'ע ישיבות, און אַלס ראש הכולל פון כולל "חסדי דוד", וואו ער האָט מדריך געווען אברכים חשובים בדרכי התורה והלימוד.

ווי נאָר דער כולל האָט געעפנט אירע טויערן האָבן הונדערטער בני תורה פון דער שטאט געזוכט אָנגענומען צו ווערן אין אַזאַ חשוב'ע מקום תורה, און דער אחריות'דיגער ראש הכולל האָט אויסגעוועלט פון זיי די חשוב'סטע יונגעלייט, און מיט אט די אויסדערוועלטע חבורה האָט ער אַוועקגעשטעלט דעם אבן היסוד פאר'ן כולל, מיט אויסגערופענע תלמידי חכמים וועלכע זענען גרייט צו הארעווען מיט אן אויסערגעווענליכע התמדה און אויספירן זייערע שאיפות צו עוסק זיין בתורה ועבודה זייער גאנצן לעבן.

דער ראש הכולל שליט"א גיט פּערזענליך איבער עטליכע שיעורים פאר די לומדי תורה. די שיעורים פון הרב בלויא שליט"א זענען באַקאַנט אַלס גאר קלארע און טיפע שיעורים, וואָס איז אַ שם דבר צווישן לומדי תורה, און ציט אַ גרויסער ציבור פון ערנסטע תלמידי חכמים.

אין לויף פון די יארן, ווען די שטאט בית שמש איז געוואקסן, האָבן אַנדערע רבני העיר שליט"א זיך געוואנדן צו הרב בלויא שליט"א און אים געבעטן אַז ער זאל עפענען נאָך כוללים וואָס זאלן דינען פאר'ן ברייטן ציבור אברכי העיר. הרב בלויא האָט זיך טאקע אַריינגעווארפן אין די עבודת הקודש, און ער האָט מייסד געווען נאָך עטליכע כוללים על טהרת הקודש, און אַלס אַ מגיד שיעור און אויסערגעוועגליכער בעל דרשן לויפט ער אַרום פון איין כולל צום צווייטן צו געבן שיעורים און אויפטרעטן מיט רייכע דרשות.

דאך פארבלייבט כולל "מעגלי צבי" אַלס דער אבן הפינה און חשוב'סטער ווינקל צו די היינטיגע תורה'דיגע בית שמש, און פארמאגט די אויסגעקליבנסטע חבורה פון תלמידי חכמים און עובדי השם באמת, וואָס זייער גאנצע לעבן איז מוקדש לתורה ולעבודה, אויפ'ן העכסטן פארנעם.

דער סדר הלימוד איז אויסגעשטעלט אויפ'ן אופן וואָס מען פלעגט לערנען אין די אונגארישע ישיבות בעפאר'ן קריג, ווי עס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן דורכ'ן הייליגן חתם סופר ותלמידיו הקדושים, "לאסוקי שמעתתא אליבא דהילכתא". יעדע מקצוע הייבט מען אן פון די גמרא. מען לערנט דורך די סוגיות מיט אלע ראשונים ואחרונים מיט אַ גרויסן עמקות, דערנאָך איז מען ממשיך צום טור און שו"ע, און עס ווערט אויסגעאַרבעט ביז די הלכה למעשה אינעם שו"ע הרב און משנה ברורה.

יעדע פרט ופרט ווען דורכגעקערט מיט גרויס עמקות, און יעדע שאלה ווערט איבערגעשמועסט בדיבוק חברים, ביז די סוגיות שיינען פון זיך אַליינס און גיט פאַר די לומדים אַן אינערליכע שמחת התורה.

עקסטער ווערט געלערנט אַ שיעור בקיאות אין שולחן ערוך, וואו מען לערנט סימן נאָך סימן, סעיף נאָך סעיף, קונה צו זיין אַ מקיפ'דיגער ידיעה אין אלע חלקי השו"ע, וואָס איז דער וועג-ווייזער פאר אַ אידיש לעבן, לדעת את המעשה אשר יעשון.

איינמאָל אַ וואָך ווערט איבערגעגעבן אַ טיפער שיעור בדרך פלפול דורכ'ן ראש הכולל שליט"א, וואָס די לומדי הכולל שלינגען מיט דורשט. אַזוי אויך הערט מען יעדע וואָך אַ שיעור פון איינעם פון די לומדי הכולל.

עס קומען פאר חודש'ליכע בחינות, און גרעסערע בחינות פון צייט צו צייט, וואָס פארלאנגט אַ שטארקע בקיאות און טיפע פארשטאנד אין די לימודים.

אויסער די שיעורים אין גמרא און הלכה, האָט דער ראש הכולל מסדר געווען קביעות'דיגע שמועסן בעניני מוסר וחסידות, וואָס ברענגט אַריין חיזוק ביראת שמים ומידות טובות אין די אברכים החשובים, וואָס צוליב דעם דערקענט מען אויף זיי אַ ספּעציעלע התעלות און ערליכקייט.

## התרגשות צווישן מתפללי ביהמ"ד באָלחוב וויליאַמסבורג

אַ געוואַלדיגע התרגשות נעמט טאַקע אַרום אין די טעג מתפללי ובאי ביהמ"ד באָלחוב אין וויליאַמסבורג, וואו דער ציבור שליסט זיך אָן מיט'ן כח הרבים צו נעמען אַ חלק השותפות, נמנו חברים לדבר מצוה והם נמנו עמהם, פאַרשטייענדיג דער געוואַלדיגער זכות פון החזקת תורת ארץ ישראל על טהרת הקודש, וואָס וועט געוויסע ברענגען אָן אַ שיעור השפעות פאַר אַלע שותפים.

בראש וראשון שטייט דער חשוב'ער רב הביהמ"ד, הגה"צ רבי אהרן מאיר לאַבין שליט"א, אבד"ק באָלחוב, וועלכער איז מעורר די חברי הקהלה ומתפללי ביהמ"ד זיך אנצושליסן אינעם פאראייניגטן מגבית, לחזק כח התורה בטהרה אין ארה"ק. דער רב שליט"א האָט געשריבן אַ ספּעציעלן "קריאת הקודש" וואו ער בעט און אפעלירט צום גאנצן ציבור זיך צו משתתף זיין, שרייבנדיג צווישן אַנדערע "בקריאה של חיבה ובקשה לחברי קהלתינו הק', אנא שאו ידיכם קודש בתמיכה שיש בו ממש באופן קבוע, כל אחד כפי יכלתו, כי בחלקינו וגורלינו נפל כולל מפורסם וחשוב מאוד, מקום קדוש ומבצר תורה תלמידי חכמים גדולים מאנשי הישוב הישן לנים בד' אמות של תורה מתוך הדחק על טהרת הקודש, וכידוע שורה הדחקות ועניות אצל הת"ח באופן נורא הי"ר, וע"י תמיכתינו כיד ה' נהי' שותפים בהתורה ועבודה שלהם כידוע מדברי חז"ל, וזכות גדול לכ"א ואחד."

אַזוי אויך זענען געשטעלט געוואָרן חשוב'ע גבאי קודש מחברי הקהלה, וועלכע באגלייטן דעם פּראָיעקט אַלס שלוחים פון אלע שותפים אין ביהמ"ד, צו פארזיכערן אַז

[פאָרזעצונג אויף זייט 70]

# "מתמידים" אויף 'אידיש'
## ערשינען מיט נאָך צוויי בענדער: מסכת ראש השנה, און מסכת קידושין חלק א'

**אין עולם התורה ווערט ווידער אויפגענומען מיט גרויס פרייד די ערשיינונג פון נאָך צוויי בענדער אין דער אויפלאַגע פון דעם פראַכטפולן ש"ס אויף אידיש, וועלכע איז שוין ערשינען אויף עטליכע מסכתות אין ש"ס, מיט איר באַרימטן נאָמען 'מתמידים', וואָס איז אַ וואונדערבאַרע מייסטערווערק זייענדיג אַ 'דבר השוה לכל נפש', ספּעציעל געאייגנט פאַר בעלי בתים, בחורי חמד, און תשב"ר וועלכע ווילן זיך משלים זיין אין מסכתות הש"ס.**

יעצט איז ערשינען אויף מסכת ראש השנה און מסכת קידושין פרק א', דער פירוש איז זייט ביי זייט מיט אַ קלאָרן צורת הדף פון דער גמרא.

דער פירוש אַנטהאַלט סיי אַ ווערטערליכן אָפּטייטש אויף דעם לשון הגמרא, און סיי אַן אויספירליכן רייכן הסבר אויף אַלע פרטים מיט אַ הבנה מדויקת און אַ שיינעם סגנון, וואו די רייד פון רש"י ז"ל ווערן אַריינגעפלאָכטן אינעם פירוש, אַזוי אַז ווען מען לערנט דערין ווערט דערנאָך אויפגעלאָכטן פאַר'ן לערנער אינעווייניג דאָס לשון פון רש"י קילורין לעינים, דער פירוש והבנה אין יעדן ענין ווערט קלאָר און גרונטליך אַרויסגעברענגט, און די מערסטע קאָנצענטרירט, מען זאָל עס פאַרשטיין על בוריו אָן קיין ספיקות.

די אויפלאַגע פון "מתמידים" ווערט גענוצט במשך די יאָרן דורך לומדי תורה בעלי בתים, און ספּעציעל דורך בחורים און עלטערע קינדער, וועלכע ווילן זיך משלים זיין אין פרייע זמנים. אַזוי ווי ביי די פריערדיגע צוועלף בענדער וואָס 'מערכת מתמידים' האָט שוין אַרויסגעגעבן אויף עטליכע מסכתות אין ש"ס, ווי: ברכות, סוכה, ביצה, תענית, מגילה, חגיגה, קידושין, בבא מציעא, הוריות, תמיד, האָט די ערפאַרונג איבערגעוויזן, אַז די קינדער באַקומען דורך דעם אַ געוואַלדיגן חשק אין לימוד התורה, שפּירנדיג דעם געשמאַק פון אדורכלערנען אַ גאַנצע מסכתא און דאָס טוט בעזה"י מרבה זיין בפועל "מתמידים" צווישן די צעירי הצאן ובחורי חמד צו באַקומען אַ געפיל און אַ שטאַרקן אינטערעס צו שטייגן העכער און קונה צו זיין נאָך און נאָך מסכתות הש"ס.




דער פירוש איז געשריבן מיט אַ פאַרשטענדליכע און קלאָרע שפּראַך, אויפ'ן היימישן געשמאַקן און פליסיגן "אידיש", און ווערט באַצייכנט אַלס אַ דבר השוה לכל נפש, ובפרט פאר די צעירי הצאן און די תינוקות של בית רבן וואָס דערקוויקן זיך מיט אירע ווערטער, וואָס איז געשריבן אין זייער שפּראַך און איז זיי פאַרשטענדליך פון קינדווייז אויס, דריגנט עס דורך דעם אַריין אין זייער האַרץ, און ערוועקט אין זיי אַ חשק קונה צו זיין און זיך משלים צו זיין אין דער מסכת, און אַזוי קענען זיי שטייגן העכער און העכער על במתי התורה והיראה.

און באמת איז עס ווי געזאָגט אויך אַ שטאַרק ווערדפולע זאַך פאַר תלמידי חכמים, מלמדים און מגידי שיעור, בעלי בתים, וועלכע זענען מער געוואוינט אין אידיש, און פיל מאָל זוכן זיי דעם ריכטיגן טייטש איבערצוגעבן פאַר די קינדער, און דעם ריכטיגן פשט מיט דער ריכטיגער הבנה אין דער גמרא וואָס זיי לערנען. די אַלע וועלן זיך זיכער דערקוויקן מיט אָט דעם פירוש בהיר "מתמידים", וואָס ברענגט אַ ליכטיגקייט אין יעדן איינציגן וואָרט פון דער גמרא, און טוט פאַרענטפערן די שוועריקייטן אין הבנה ועומק הפשט.

דער פירוש איז באַקרוינט מיט הסכמות פון די גדולי הרבנים זצ"ל ולהבחל"ח שליט"א, און איז שטאַרק אויפגעכאַפּט געוואָרן צווישן לומדי תורה און תלמידי חכמים מובהקים וועלכע האָבן אַ גרויסן קורת רוח דערפון.

במשך די יאָרן זענען שוין הונדערטער סיומים געמאַכט געוואָרן אויף די עטליכע מסכתות, ובפרט ערב פסח, אַ דאַנק דעם הערליכן פירוש 'מתמידים' אויף אידיש, און צענדליגער יונגלעך און בחורים האָבן באַקומען אַ חשק צום לערנען נאָכ'ן טועם זיין דעם געשמאַק פון אַדורכלערנען אַזאַ גאַנצע מסכת.

איז דעריבער יעצט אַ פּאַסיגע זמן אויסצונוצן די געלעגנהייט, און זיך אָנשליסן מיט די גליקליכע לומדי תורה, דורך זיך איינהאַנדלען אַזאַ גמרא וואו מ'קען אַדורכלערנען מיט אַזאַ קלאָרן אָפּטייטש און אויספירליכן רייכן הסבר דעם טיפן באדייט פון אַ בלאַט גמרא. עס איז כדאי מ'זאָל עס קויפן פאַר זיך אָדער פאַר די קינדער, און ס'פאַרזיכערט בעז"ה זיך צו משלים זיין אין אַ קורצער צייט צו קונה זיין די 'חלקי התורה'.

עס בלייבט נאָר צו וואונטשן די חשוב'ע מערכת, שיפוצו מעינותיהם חוצה, און קענען ווייטער ממשיך זיין אַרויסצוגעבן אויף נאָך מסכתות הש"ס להגדיל תורה ולהאדירה על דרך המסורה אויף אַ שיינעם און היימישן פאַרנעם.

די גמרות זענען דאָ צו באַקומען אין אַלע ספרים געשעפטן. הפצה ראשית איז דורך הוצאת "נר למאור" **718-384-1324**. משכו וקחו לכם ברכה!

פאַראינטערסירטע צו נעמען אַ טייל אין דער הרבצת התורה און געוואַלדיגע זכות הרבים צו קענען ממשיך זיין ווייטער אויף נאָך מסכתות, דורך זיין פון די פטרוני הש"ס מקדיש צו זיין אַ געוויסע מסכתא לעילוי נשמת די קרובים וכדו', זאָלן זיך מעלדן צו הרב יצחק יחזקי' שוואַרץ שליט"א ראש מערכת מתמידים: **917-652-1403**.

---

# ביהמ"ד באָלחוב-וויליאַמסבורג שליסט תורה-שותפות מיט כולל "מעגלי צבי" בארה"ק

**[פאָרזעצונג פון זייט 52]**

מען שיקט אפ רעגלמעסיג די חלק השותפות פאר'ן הייליגן כולל, מדי חודש בחודשו.

די חשוב'ע גבאים ועסקנים בתוככי הקהלה, האָבן אַוועקגעשאנקען אסאך צייט במשך די לעצטערע וואכן, זיצנדיג אויף אסיפות מיט די עסקנים פון 'אַדאַפּט-אַ-כולל' וועלכע האָבן געברענגט צום טיש דער גאלדענער שותפות-געשעפט און ס'איז דערביי אויסגעשמועסט געוואָרן אלע דעטאלן אַרום דעם פּראָיעקט און וויאַזוי דאָס קען אויסגעפירט ווערן מכח אל הפועל.

באַזונדער איז אָפּגעהאלטן געוואָרן אן אסיפה צווישן די חשוב'ע בעלי בתים וגדולי עסקני השותפות, אינאיינעם מיט הרה"ג רבי יקותיאל יודא לאבין שליט"א בן הגה"צ האבד"ק שליט"א, וואו עס איז איבערגעאַרבעט געוואָרן פילע פרטים פאר'ן הצלחה פונעם מגבית.

שבת קודש פרשת שמות העעל"ט איז באשטימט געוואָרן אַלס שבת השותפות ווען עס איז אפיציעל פראקלאמירט געוואָרן דער שותפות און דאָס גאנצע בית המדרש האָט געקאכט מיט אַ געוואַלדיגע ברען און התרגשות זיך אנצושליסן אינעם שותפות, וואָס האָט זיך טאקע שטארק אָנגעזען דורכאויס די גאנצע וואך, ווען פילצאָליגע מתפללי בית המדרש האָבן אונטערגעשריבן די שטר שותפות און גענומען אַ חלק אינעם כח הרבים.

אינעם חשוב'ן כולל זענען אצינד געוואָרן שותפים חברי קהלה קדישא הדין, מתפללי ביהמ"ד באָלחוב אין וויליאַמסבורג, וועלכע האָבן גענומען אויף זיך משתתף צו זיין מיט אַ קביעות'דיגער מינימאלער סומע וואָס וועט אינאיינעם אַוועקשטעלן אַ קביעות'דיגע הכנסה פאר'ן כולל צו דעקן דעם חודש'ליכן דעפיציט און דערמיט ערמעגליכן אַז די אויסגעהארעוועטע תלמידי חכמים מיקירי קרתא דשופריא זאלן קענען ערהאלטן זייער תמיכה און עוסק זיין בתורה בטהרה מיט הרחבת הדעת.

*

ווי געשריבן איז די יעצטיגע קהלה-שותפות מיט אַ כולל בארה"ק על טהרת הקודש, אַ פרישע רינגעלע אין די גאלדענע קייט פון דער תורה רעוואלוציע דורך "אַדאַפּט-אַ-כולל", וואָס טוט משדך זיין און צוזאַמברענגען 'שותפות יששכר וזבולון' צווישן מוקירי תורה, יהדות הגולה, מיט לומדי תורה בטהרה בארה"ק, און נעמט אַרום מיט אַ שטורעם הונדערטער קהילות איבער דער גארער וועלט.

**כי מציון תצא תורה ודבר ד' מירושלים**